# עולת שבת בשבתו

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | פרשת ויחי | כיתה ח' ט' תשס"ט לפ"ק

## מילי דחסידותא

**ויקח יוסף את שניהם את אפרים בימינו משמאל ישראל ואת מנשה בשמאלו מימין ישראל וישלח ישראל את ימינו וישת על ראש אפרים ואת שמאלו על ראש מנשה.**

צריך להבין באיזה סברא נחלקו יעקב ויוסף, וי"ל דהנה יוסף הצדיק הי' סברא שלו דמי שהוא רוצה לעשות תשובה צריך מקודם לתקן מה שעוות, ואח"כ יתחיל לעשות מצות ומעשים טובים, כי כל זמן שאינו מתקן מה שחטא זו המעשה טוב שהוא עושה אינו כראוי, אבל יעקב אבינו ע"ה היה לו סברא אחרת דמי שהוא רוצה לעשות תשובה יעשה מכאן ולהבא מצות ומעשים טובים ויעבוד השי"ת בתורה ובתפלה ולא ימתין עד שיתקן מקודם מה שעוות, על כן לקח יוסף את אפרים בימינו משמאל ישראל ואת מנשה בשמאלו מימין ישראל כדי שיברך את מנשה בימין שלי, כי **מנשה** הוא מלשון **כי נשני אלקים את כל עמלי**, כי סבר כי מדריגת מנשה הוא עיקר, לתקן מקודם מה שחטא ולשכוח ממעשים הרעים, אבל יעקב אבינו ע"ה שכל את ידיו וישת ימינו על ראש אפרים כדי לברך את מדריגת **אפרים** עיקר שהוא מלשון **פרה ורבה**, שאם רוצה לעשות תשובה ירבה בתורה ומצות מהיום והלאה ולא ימתין עד שיתקן מה שחטא, ויאמר יוסף אל אביו לא כן אבי כי זה הבכור, היינו אם הוא מתקן בתחלה מה שחטא אזי מעשה הטוב שהוא עושה אח"כ הוא יותר טוב ממעשה הטוב שעושה קודם שמתקן מעשה הרע ע"כ ראוי לברך יותר זו המדריגה, השיב לו יעקב אבינו ע"ה ידעתי בני ידעתי אני יודע ג"כ שזאת המדריגה הוא טוב מאד, אולם אחיו הקטן יגדל ממנו, כי קשה לבעל תשובה לבא לזאת המדריגה תיכף לתקן מקודם מה שעוות ולתקן כל מה שחטא, אבל לזו המדרגה שירבה תיכף בתורה ומצות יוכל בניקל לבא לזה, על כן זאת המעלה אעפ"י שהוא קטן במעלה יגדל ממנו ויהי' מלא הגוים כי עי"ז יתרבו הבעלי תשובה, ועוד כי מי שלא תקן עוד כשעומד א"ע להתפלל לבו נשבר בקרבו, ולב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה (דברי יחזקאל).

## דרש דרש

**ויקרא יעקב אל בניו ויאמר האספו ואגידה לכם וגו':** רש"י זאגט **"בקש לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה"**. ענליך זאגט די גמ' אין פסחים (דף נ"ו ע"א) **ביקש יעקב לגלות את הקץ, ונסתלקה ממנו שכינה, אמר שמא ח"ו יש במטתי פסול, אמרו לו בניו שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד.** דאס ענין דארף א ביאור.

ענטפערט דער **ניצוצי שמשון**, ווייל לכאורה איז באקאנט די קשיא פארוואס זענען די אידישע קינדער געווען אין מצרים 210 יאר. ווערט געברענגט א תירוץ ווייל די שבטים האבן פארקויפט יוסף האבן זיי געמאכט א פגם אינעם שם 'א-ה-י-ה', וויבאלד זיי זענען געווען 9 שבטים און זיי האבן מצרף געווען כביכול איז אינאיינעם 10, און דער שם א-ה-י-ה איז בגי' 21 10 מאל 21 איז 210 וועגן דעם זענען זיי געווען אזויפיל יאר אין גלות, כדי מתקן זיין דעם חטא.

יעקב האט אבער נישט געוואוסט אז זיי האבן מצרף געווען כביכול, האט ער גערעכנט

## מעשׂה רב

### וישאו בני ישראל את יעקב אביהם

אין די צייטן פון הגאון רבי שלמה קלוגער זי"ע אין בראד האבן די משכילים שר"י געוואלט איינפירן אז מען זאל אנהייבן צו טראגן די נפטרים אויף א וואגן, אנשטאט צו טראגן מיט די הענט צום בית עלמין, ווי עס איז געווען איינגעפירט בכל תפוצות ישראל.

רבי שלמה קלוגער האט געזעהן אין דעם א פרואוו מצד די משכילים זיך איינצוברעכן אין די חומת בית ישראל האט ער באפוילן אז יעדער נפטר וואס מ'וועט פירן אויף א וואגן זאל די חברה קדישא באערדיגן אינעם גוי'אישן בית הקברות נישט צווישן די אידן.

ווי פארשטענדליך האט דאס זייער נישט געשמעקט פאר די משכילים, זענען זיי געגאנגען און געקלאגט רבי שלמה קלוגער אין געריכט, אז ער לאזט זיי נישט באגראבן ווערן אינעם אידישן בית החיים. דער ריכטער האט באשטימט א צייט פון דריי חדשים ווען ער וועט אויסהערן די טענות פון ביידע צדדים און ארויסגעבן זיין פסק דין.

די חברה קדישא זענען געקומען צום רב און געפרעגט וואס מען זאל טון אין די דריי חדשים, זאל מען די 3 חדשים יא לייגן אין אידישן בית החיים צי נישט? האט רבי שלמה געזאגט מען זאל זיך נישט זארגן, ער נעמט דאס אויף זיך.

צו אלעמענס וואונדער איז יענע דריי חדשים נישט אוועק פון די וועלט קיין איין נפש מישראל אין די עיר ואם בישראל בראד, נישט קיין מאן און נישט קיין פרוי, יונג און אלט, קיין איין לוי' איז נישט פארגעקומען.

ווען עס איז געקומען דער טאג פונעם משפט, און די צדדים האבן געדארפט פארלייגן זייערע טענות פארן שופט, האט דער שופט געפרעגט רבי שלמה קלוגער פון וואו ער האט גענומען דעם פסק אז על פי דין ישראל טאר מען נישט טראגן א נפטר מיט א וואגן.

רבי שלמה קלוגער האט דאך געוואוסט מיט וועמען ער האט דא צוטון, און אז עס איז נישט דאס ארט צו גיין מסביר זיין מיט קיין הסברים און ביאורים, האט ער גענטפערט פשוט.

"עס שטייט אין פסוק אין פרשת ויחי ווען יעקב אבינו איז נסתלק געווארן "וישאו בני ישראל את אביהם", זעהן מיר אז יעקב אבינו האבן די קינדער געטראגן מיט די הענט און נישט מיט א וואגן..."

דער שופט האט אנגענומען די ראי' מיט פארשטענדניש, און די תקנה איז באשטעטיגט געווארן.

אז מ'האט נאר 9 מאל פוגם געווען אינעם שם אהי"ה וואס באטרעפט 189, האט ער פארשטאנען אז צו 190 יאר, וועט שוין זיין די גאולה.

דאס איז דער פשט אין די גמרא, **בקש יעקב לגלות את הק"ץ**, יעקב אבינו האט געוואלט מגלה זיין אז ביי **ק"ץ** שנה וועט זיין די **גאולה**, פארוואס האט ער אזוי געמיינט? ווייל **נסתלקה ממנו שכינה**, ער האט נישט געוואוסט אז די שבטים האבן מצרף געווען די שכינה, האט ער געפרעגט **שמא יש פסול ביניכם**, אפשר האט עטס נאך א עבירה וואס וועגן דעם וועט עטס נישט ארויסגיין באצייטנס פון גלות, אויף דעם האבן זיי געענטפערט "**שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד**", אז זיי האבן נישט געטון נאך עבירות, נאר וויבאלד מען האט מצרף געווען די שכינה איז געווארן 210.

*

**אנא שא נא פשע אחיך וחטאתם כי רעה גמלוך וגו' שא נא לפשע עבדי אלקי אביך:** לכאורה דארף מען פארשטיין ווי אזוי איז שייך צו שרייבן די לשון **גמלוך** אויף שלעכטס, די לשון קומט אויף טוען גוטע זאכן אזוי מען זאגט הגומל חסדים טובים.

ענטפערט **דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע** אז די הייליגע שבטים האבן דא געוואלט מרמז זיין פאר יוסף הצדיק אז אפילו זיי האבן אים געטוען א שלעכטס אז זיי האבן אים פארקויפט קיין מצרים און ער איז דארט אדורך שווערע נסיונות, דעסטוועגן דאך איז פון דעם ארויסגעקומען זייער א גרויסע טובה פאר אים, אז דורך די אלע נסיונות וואס ער איז בייגעקומען דעם יצר הרע איז ער דערהויבן געווארן צו ווערן די פערטע פיס כביכול צום כסא הכבוד, ווייל פאר ער איז געקומען קיין מצרים איז געווען נאר דריי פיס פון ארי' נשר אדם, און יעצט איז געווארן א פערטע פיס פון שור וואס דאס איז א רמז אויף יוסף אזוי ווי עס שטייט בכור שורו הדר לו.

דאס האבן זיי אים געזאגט **אנא** אז קודם איז געווען נאר **אנא** אינעם כסא הכבוד, וואס דאס איז ר"ת **ארי' נשר אדם**. און יעצט איז געווארן **שא נא** וואס איז ר"ת **שור ארי' נשר אדם**, דאס קומט דורך **פשע אחיך וחטאתם**, זייער עבירה וואס זיי האבן אים פארקויפט און דורך דעם איז ארויסגעקומען אז **כי רעה** דורך די שלעכטס איז געווארן **גמלוך** א גוטע זאך א גמילות חסד.

האבן די שבטים ווייטער געזאגט אז יעצט ווען מען זעהט אז עס איז דא אינעם כסא הכבוד **שא נא** וואס דאס איז ר"ת **שור ארי' נשר אדם**, וואס איז געקומען דורך **לפשע עבדי**, די עבירה פון די שבטים, זעהט מען יעצט אז **אלה"י אבי"ך** וואס דאס איז ר"ת **א'י ל'או ה'אי י'ומא כ'מה י'וסף א'יכא ב'שוקא**, דאס מיינט אז ווען נישט מען פארקויפט דיך וואלסטו נישט געווען מער חשוב ווי א אנדערע יוסף אויפן גאס, נאר יעצט דורכן פארקויפן ביסטו געווארן זייער חשוב.

## מילי דשמעתתא!

בשיעור השבוע במס' קידושין פרק שני

*

**קטנה שהלך אביה למדינת הים ומת וכו'**

תוספות (דף מ"ה ע"ב) זאגט אז א קטנה וואס איר טאטע איז אוועק געפארן למדינת הים און ער איז דארט געשטארבן וואלט מען איר ווען געדארפט אסר'ן אויף די גאנצע וועלט, ווייל איך בין חייש טאמער דער טאטע האט גענומען פאר איר קידושין. נאר איך קען איר שטעלן אויף די חזקה אז זי איז א פנוי'.

מיט דעם איז דער בנין אריאל מסביר פארוואס ווען אליעזר איז געגאנגען מקדש זיין רבקה, האט ער נישט געוואלט עסן ווי ער האט געזאגט "לא אכל עד אם דברתי דברי". ווייל דער ילקוט שמעוני זאגט אז בתואל האט אריינגעלייגט סם אינעם טעלער וואס מען האט געלייגט פאר אליעזר, און דער מלאך האט דאס אויסגעדרייט, און דעריבער איז בתואל געשטארבן.

אליעזר איז דאך געווען א תלמיד חכם ער האט געלערנט תורה פון אאע"ה, האט ער חושש געווען צו דעם אז אויב בתואל וועט שטארבן, וועט ער נישט קענען מברר זיין צי בתואל האט שוין גענומען קידושין פאר רבקה, אפילו געווענליך קען מען זיך פארלאזן אויף די חזקה, אבער כל היכא דאיכא לברורי מבררינן, האט ער דאס געוואלט מברר זיין.

וועגן דעם האט אליעזר געזאגט "לא אוכל עד אם דברתי דברי" ווייל ער האט געוואלט אז בתואל זאל הערן זיינע ווערטער, און דעמאלטס וועט ער קענען זאגן צי ער האט גענומען קידושין פון א צווייטן אדער נישט, אבער אויב וועט ערווארטן ביז נאך די סעודה וועט דאך שוין בתואל שטארבן און מ'וועט נישט קענען מברר זיין.

## יגעת ומצאת!

די קומענדיגע וואך, יום ד' שמות, געפאלט אויס די יארצייט, פון איינעם פון די בארימטסטע אבות החסידות, הגה"ק בעל "בני יששכר זי"ע.

דער הייליגער בני יששכר איז געווען זייער גרויס און זיין נאמען איז געווען פארהייליגט ביי חסידים איבער די גאנצע וועלט, און זיינע הייליגע ספרים זענען פון די אנגענומענסטע ספרים וואס מען לערנט איבעראל איבער די וועלט. אויסער דעם איז דער בני יששכר געווען א פייערדיגער לוחם מלחמת ה', און ער האט געקעמפט קעגן די רשעים וואס האבן געוואלט אויסרייסן דאס אידישקייט, און זיינע הייליגע ספרים זענען געבליבן א וועג-ווייזער פאר אידן קינדער אויף אייביג.

**דער הייליגער בני יששכר זי"ע: ווען איז ער געבוירן? ווען איז ער נסתלק געווארן? זיין טאטע? בעמח"ס? פארוואס הייסט זיין ספר מיט דעם נאמען? ווער איז געווען זיין רבי? אין וועלכע פינף שטעט האט ער משמש געווען ברבנות? זיינע צוויי הייליגע קינדער?**

*

## ראשי תיבות

**ווי אזוי מאכט דאס ווארט** (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ח')....

**חו"ל, ח"ו, חדב"נ, חוב"ט, חתי"ק, חו"מ, חוהמ"פ, חכ"א, חכז"ל, ח"ק**